פרשת תולדות תשפ"ג
גליון 50

# א גריס פון
# בית פיגא

## א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך, ערב שבת קודש פרשת קרח, ב' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

*לכבוד ... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.*

זע אז דו זאלסט נישט איינטיילן פאר אנדערע מיידלעך ווי אזוי זיך צו פירן; דו זע זיך צו פירן אזוי ווי מען דארף, זאלסט טון דיין ארבעט פון רייניגן אזוי ווי דו דארפסט און לאז אפ אנדערע קינדער.

קיינער גלייכט נישט א מענטש וואס קריטיקירט; מענטשן האבן ליב איינער וואס געבט גוטע ווערטער פאר א צווייטן. אז דו וועסט געבן א גוט ווארט פאר אנדערע וועלן אלע דיר געבן גוטע ווערטער, אבער אז דו וועסט איינטיילן פאר אנדערע וואס צו טון וועלן אלע זיך אפלאזן פון דיר. איך בעט דיר זייער ... תחי' זאלסט זיך אויסקומען מיט אנדערע מיידלעך; דו געב נאר אכטונג אויף דיר וועט אלעס זיין מסודר.

זע צו זאגן תהילים יעדן טאג; יעדע קאפיטל תהילים וואס מען זאגט ווערט אוועק געלייגט אין אן אקאונט, און חס ושלום ווען עס איז דא דינים אויפן מענטש נעמט מען אפיר די קאפיטלעך תהילים און דאס ראטעוועט דעם מענטש פון אלעם שלעכטס.

# די פארלוירענע בת מלך

## סיפורי מעשיות מעשה א'

### חלק ד'



אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעזֶען גוּטֶע מַאֲכָלִים. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גֶעגֶעסְן. אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט אִין אַ וִוינְקֶעלֶע עֶר זָאל זֶען וָואס דָארְטְן וֶועט זִיךְ טוּן.



הָאט עֶר גֶעזֶען דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען דִי מַלְכָּה. אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען זִי בְּרֶענְגֶען. אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אוּן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן דִי קַאפֶּעלְיֶעס הָאבֶּן זֵייעֶר גֶעשְׁפִּילְט אוּן גֶעזוּנְגֶען. וַוייל מֶען הָאט גֶעבְּרַאכְט דִי מַלְכָּה. אוּן מֶען הָאט אִיר גֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁטוּל, אוּן מֶען הָאט זִי גֶעזֶעצְט לֶעבִּין אִים. אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי בַּת מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט זִי גֶעזֶען אוּן הָאט זִי דֶערְקֶענְט.

פארזעצונג קומט אי"ה

# מיידלעך דערציילן

## מעשיות פון תפילה

### לאה סאלז דערציילט:

איך פאר יעדן טאג מיט די בארא פארק באס צו וויליאמסבורג, צו קענען קומען אין בית פיגא סקול. איין טאג בין איך אויפגעשטאנען שפעט, און איך האב נישט געוואוסט אויב איך וועל נאך כאפן די באס. האב איך אנגעפאנגען צו בעטן די אייבערשטער, "אייבערשטער העלף אז איך זאל קענען זיין צייטליך ביי די באס סטאפ און איך זאל קענען אנקומען אין סקול!" און ש'כח אייבערשטער אז איך האב געכאפט די באס.

### פערי מאיער דערציילט:

איך בין געווען אין וויליאמסבורג און איך האב געדארפט אנקומען אין שטעטל, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן א גוטע וועג צוריק אין שטעטל, און די וועג זאל נעמען זייער שנעל, און די אייבערשטער האט געהאלפן!

# א מעשה

איין טאג איז געקומען א איד צו די הייליגע חתם סופר, וואס דער איד האט אלס קינד געלערנט צוזאמען מיט די חתם סופר אין איין חדר, אבער ער איז ליידער אויסגעוואקסן א עם הארץ.

די הייליגע חתם סופר האט זיך זייער געפרייט אים צו זען, און זיי האבן געשמועסט און גערעדט. די נעקסטע טאג איז ער נאכאמאל געקומען, און א טאג שפעטער איז ער ווייטער געקומען.




פרעגט אים די צדיק, וואס ווילסטו? ענטפערט ער, איך האב נישט וואס צו טון, איך בין געקומען דא צו טרייבן די צייט. דער צדיק'ס בליציגע ענטפער:

"איך האב נישט גענוג צייט, און איך זע אז דו האסט צייט, טרייב די צייט צו מיר..."

# א שמועס אין בית פיגא

**די וואך האבן מיר אפגעהאלטן א שמועס מיט איינער פון די ערשטע תלמידות בית פיגא, מרת מלכי שניטצלער.**

**ווי אלט ביסטו געווען ווען עס האט זיך געעפנט די ערשטע בית פיגא סקול?**
איך געדענק נישט פונקטליך, אבער איך בין געווען בערך עלף אדער צוועלף יאר.
**ווי אזוי איז געווען די טויש צו בית פיגא סקול?**
איך האב אלעמאל געהאפט צו קענען זיין אין א סקול מיט נאר ברסלבע חברטעס, ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט אריינגיין אין בית פיגא סקול.
**האסט דעמאלטס געטראכט אז עס וועט נאך קומען א טאג ווען ס'וועט זיין פיר בית פיגא סקולס איבער די וועלט?**
עס האט אויסגעזען ווי א חלום דעמאלטס! קיינער האט נישט געטראכט אז בית פיגא סקול וועט ווערן אזוי גרויס.
**וואס האבן ענק געלערנט? געדענקסט עפעס וואס מרת לעזער האט דעמאלטס גערעדט?**
אונז האבן געלערנט אסאך זאכן. איך געדענק אז מרת לעזער האט דעמאלטס פארגעלערנט ספר המדות, עס איז געווען זייער שיין. אויך געדענק איך די פרשה וואס אונז האבן געלערנט, און סיפורי מעשיות.
**איז דא עפעס א שיינע מעסידש וואס איר ווילט זאגן פאר די בית פיגא מיידלעך?**
די אייבערשטער זאל העלפן אז אלע מיידלעך זאלן האבן הצלחה מיט אלעס.

## קענסטו טראכטן וועלכע דריי ווערטער שטייט דא געשריבן?

**די אותיות קענען זיין געדרייט אויף אלע סארט וועגן.**



**דורך: רחי שפילמאן**

**מזל טוב!**
**באשי בערמאן**
**זי איז געווארן א כלה!**